START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1878.4

Latteiner, Joseph.
Mishke un Moshke,
oder, Eyropeer in
Amerika: a komedye in
finf akten.
Varsha, 1910.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1878.4

Latteiner, Joseph, 1853-1935.
Mishke un Moshke, oder, Eyropeer in Amerika: a komedye in finf akten.
Varsha: Kultur, 1910.
Varying form of title: Eyropeer in Amerika Evropeitsy v Amerikie.
38 p. ; 23 cm.

1. Musical revues, comedies, etc. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Grinhorns. II. Poland-Warsaw

ID: NXYH01-B3489 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /106142

Reduction ratio X 10.0.

יוסף לאטיינער.

מישקע און מאשקע

— אדער —

אייראפּעער און אמעריקא.

א קאמעדיע אין 4 אקטען.

ווארשא — תרע״א

הויפּט פערקויף און פערלאג „קולטור" ווארשא דזיקא № 13.

פּרייז 20 קאפּ.

יוסף לאטיינער.

מישקע און מאשקע

אָדער

אייראָפּעער און אַמעריקאַ.

אַ קאָמעדיע אין 5 אַקטען.

156

וואַרשא — תרע"א

№ 13. הויפּט פערקויף אין פערלאג „קולטור" ווארשא דזיקא

פּרייז 20 קאפּ.

יוסף לאטיינער.

מישקע און מאשקע

אָדער

איידאָפּעער אין אַמעריקַא.

אַ קאמעדיע אין 5 אַקטען.

ווארשא—תרע״א

הויפּט פערקויף אין פערלאג „קולטור" ווארשא דזיקא. № 13.

ЕВРОПЕЙЦЫ ВЪ АМЕРИКѢ

Комедія въ 5 дѣйствіяхъ

ВАРШАВА, 1910.

Изд. Книж. магазинъ „КУЛЬТУРА" Варшава, Дикая № 18.

פּערזאָנען:

בּיסינג: באַנקיר

מאָנקאַרזשאָ: זײַן בּוכהאַלטער

נאַטאַנזאָהן: אַ סוחר

עמיליע: זײַן פרוי

קאַרל: זײער זוהן

שאַרלאָטאַ: זײַן געליעבּטע

מאָשקע: איהר פעטער

מישקע: זײַן פרוי

ליעבערמאַן: איין אַמעריקאַנישער באַנקיר

מינאַ: שאַרלאָטאַ'ס אַ גוטע פרײַנדין

דיענער, מאַטראָזען, חינעזער, פּאַסאַזשירען.

Тип. Лит. Ф. Баумриттера Варшава, пл. Красинская 6 1910, г.

ערשטער אקט.

די ביהנע שטעלט פאר ביסינג'ס א קאנטאר;

ביסינג איך בין רואינירט! איך בין געבראכען, מיין דעפאזיט איזט ביז 65,000 דאלאר אונד מיין גאנצעס פערמעגען בעשטעהט נור פון 13 טויזענד.. אונד דא האבע איך קיין איינציגען גוטען פריינד מיט וועם איך זאל מיך קענען בעראטהען וואס צו טהון... רעגולירען איזט אונמעגליך, אונד ווי ווערדען זיך מיינע פיינדע פרעהען אלס די ווערדען מיין באנקראט ערהערען... ניין, דאס זאלען די ניעמאלס ערלעבען! היער בלייבען איזט אבער אויך קיין פלאן, מיינע גלויביגער ווערדען דאך מיך ערשטיקען... פארט מוס מאן פאן היער! אבער וואו, נאך האוואנא? ניין, נאך קענעדע! זעהר רעכט קענעדע, דארט ניעמאנד קאן מיך אונד ניעמאנד וויים מיך, איך ווערדע אויפ'ס ניי אנפאנגען שפעקולירען!...

(מאנקאדרושאו פון הינטער די קוליסען פייפט).

ביסינג: ווער קאן דאס זא שפעט זינגען ביי מיר אין קאנטאר?! דיענער! (אויפטריט דיענער) ווער איזט דאס ביי מיר זא שפעט אין קאנטאר?

דיענער: דער בוכהאלטער מאנקאדרושאו.

ביסינג: ווער? מאנקארושאו?! וואס מאכט ער ביי מיר זא שפעט אין קאנטאר?

דיענער: ער זינגט אונד פייפט אונד נישטערט די ביכער, ער שיינט בעזוּפען צו זיין...

ביסינג: זאל ער הערריין קאמען! (דיענער אב) זאל ער פיליייכט מיין נעהטמנים ערפאהרען האבען, מאן מוס איהם זעהן פאן היער צו טרעבעאבמנבען!...

(אויפטריט מאנקאדרושאו).

מאנקאדרושאו: וועל באס אייעם, היער בין איך דא.

ביסינג: מאנקארושאו, וואס מאכען זי זא שפעט ביי מיר אין קאנטאר?

מאנקאדזשאו: איך ארבייטע!

ביסינג: ווער פערלאנגט דען פון איהנען איבערשטונדען, זיי פוילענדער!

מאנקאדזשאו: זעהען זיי, מיסטער באס, ווייל זיי האלטען מיך שטעטס פיר איינעם פון די פוילסטען בונבאלטער, האב איך מיר צום זאטץ גענומען פון היינטע אונד ווייטער יעדעם טאג איין פאר איבערשטונדען צו ארבייטען.

ביסינג: פיר היינטע איסט גענוג! גוט נייט!

מאנקאדזשאו: גוט אוניננ, מיסטער ביסינג.

ביסינג: וואס איזט דאס פיר אומפערשעמטהייט?

מאנקאדזשאו: חא, חא, חא... פילייכט ווילען זיי איין ביסכען שנאפס?

ביסינג: מאנקאדזשאו! זאפארט פערלאסען זיי מיין הויז!

מאנקאדזשאו: חא, חא, חא... איך האבע שוין קיינע זייטען פון לאכען... בראווא! בראווא! מיסטער ביסינג! זיי שפיעלען איהרע ראלע זעהר גוט! איך העטע זיי גערואטהען זיך אנגאזשירען צו לאסען אין איינעם פון די ניו-יארקער טהעאטערע אלס אקטיאר!

ביסינג: וואס שפריכט דא דער קערל, פאן טהעאטער, פאן אקטיאר? ביסט דו פערריקט מאנקאדזשאו?

מאנקאדזשאו: אה, ניין סער! מאנקאדזשאו איזט ניכט פעררינקט, מאנקאדזשאו האט שארפע בליקע, אין איינע מינוטע האבע איך אלע איהרע ביכערן דורךגעזעהן, זאגאר די טאשען, איך ווייס... איך ווייס...

ביסינג: וואס ווייסט דו?

מאנקאדזשאו: איך ווייס דאס איהר זייט מחילה אין דער סוף, דאס הייסט מיט דעם קאפ אין דער ערד, היינטע אדער מארגען מוסען זיי באנקראטירען.

ביסינג: מאנקאדזשאו! איך ראטע דיך מויל צו האלטען!

מאנקאדזשאו: יא, ווען איך ווערדע בעפרידינט ווערדען, דאן בלייב איך שטום ווי די וואנד!

ביסינג: וואס הייסט בעפרידיגען?

מאנקאדזשאו: דאס הייסט די אפותיקע לא יחרץ געלד, די ממתקים...

ביסינג: קיין ווארט מעהר! מיר שיינט דאס יעמאנד קומט...

(אויפטריט נאטאנזאהן)

נאטאנזאהן: גוטען אבענד, העדר ביסינג!

ביסינג: גוטען אבענד, העדר נאטאנזאהן! ווי געהטס? אה, איין גאסט, ביטטע, נעהמען זיי פלאץ!

נאטאנזאהן: צו אלעם ערשטען מוסען זיי מיר גראטולירען אונד גליק ווינשען!

ביסינג: גראטולירען איסט צו יעדע צייט גוט!

נאטאנזאהן: איך ווערדע אייך ערצעהלען די אורזאכע פון מיינען היהערקומען: מיינער איין רייכער אנקעל איסט געשטארבען אונד האט איין גרויסעס פערמעגען איבערלאסען, היינטע האט זיך דאס פראצעס געענדינט אונד אויף מיין טהייל בעטרעפט 50000 דאלאר, וועלכע איך היינטע ערהאלטען האבע...

ביסינג: אה, איך גראטולירע אונד ווינשע גליק מיסטער נאטאנזאהן!

מאנקאדזשאו: דאס הייסט איין גליק פון איין גרינהארן, קומט נאך אמעריקא אונד לעגט די האנד אויף 50000 דאלאר! איך עכטער אמעריקאנער עכטער יענקי ניכט איך האבע היער איינען פעטער, ניכט ער נעהמט איין א מיתה משונה, ניכט איך בעקאם 50000 דאלאר.

נאטאנזאהן: דארום איזט מיר איינגעפאלען איין פלאן, ביז איך ווערדע מיר איין נעשעפט פינדען זאל איך מיין געלד ביי איהנען דעפאנירען...

מאנקאדזשאו: וואס טהוט ער?

נאטאנזאהן: דען קיינע בעסערע האנד פינדע איך ניכט!

ביסינג: איך דאנקע!

מאנקאדזשאו: נישט דא פאר וואס...

נאטאנזאהן: זיי וויסען דאך, דאס איך בין נאך איין גרינהארן...

מאנקאדזשאו: נאך וואס פיר איין גרינהארן, איין גרינער גרינהארן אויף דריי עטאזש די הויך!

נאטאנזאהן: איך האבע שאן נאך מיינע פרוי אונד קינדער געשיקט, די זינד שאן געוויס הערויסגעפאהרען; איך האפפע מיסטער ביסינג דאס זיי ווערדען מיר געוויס אן דער האנד געהן!...

מאנקאדזשאו: יא מיט דער האנד איבער דער טאשע.

ביסינג: זיי קענען גאנץ זיכער זיין, מיסטער נאטאנזאהן, דאס איך ווערדע זיי דיענען מיט ראטה אונד טהאט.

מאנקאדזשאו: מיט ראטה אונד טהאט, דאס הייסט מיט נעהמען אונד ניכט אבגעבען.

נאטאנזאהן: ביטטע, העדר ביסינג, דא איסט דאס געלד...

ביסינג : מאַנקאַדזשאו ! שטעלען זי איהם אַיין רעסיט אויף 50000 דאָלאַר.

מאנקאדזשאו : אַלרײַט ! אַט האָט ער געמאַכט אײַן תכלית פון דער ירושה ; ~~דעסיט פיר מיסטער~~, אַר יוא נאַם ?

נאטאנזאהן : וואַס זאָגט ער ?

ביסינג : ווי איזט איהר נאַמען ?

נאטאנזאהן : נאַטאַן נאַטאַנזאָהן.

מאנקאדזשאו : נאַטאַן נאַטאַנזאָהן ... גערדאַפעלט, דאַס הײַסט נאַטאַן האָט גענומען אונד נאַטאַנזאָהן האָט דאַס ווײַטער וועקגעגעבען דעם הערן ביסינג מיט מאַנקאַדזשאו בשותפות, יתגדל ויתקדש שמיה רבא, מיסטער נאַטאַנזאָהן ווירד בלײַבען בײַם שטיקכען תאפיער אונד ביסינג מיט דעם הערר מאַנקאַדזשאו בײַ'ם געלד, און 50000 דאָלאַר פערפאַלען מעתה ועד עולם אמן סלה!... פערטיג באַס! שרײַבען זי אונטער. (ביסינג שרײַבט) דער שלאַק זאָל איהם טרעפען, די האַנד ציטערט איהם זאָגאַר ניט בײַם אונטערשרײַבען! ...

ביסינג : ביטטע מיסטער נאַטאַנזאָהן, דאַ איסט דער רעסיט.

נאטאנזאהן : איך דאַנקע!

מאנקאדזשאו : ניכט דאַ פיר וואַס !

נאטאנזאהן : גוט נאַכט, הערר ביסינג !

ביסינג : גוט נאַכט, מיסטער נאַטאַנזאָהן ! זי קענען יאַ גאַנץ רוהיג שלאַפען, איהר געלד איסט גאַנץ זיכער ...

(נאַטאַנזאָהן אָב).

מאנקאדזשאו : גוט נאַכט, מיסטער נאַטאַנזאָהן ! גוט נאַכט 50 טויזענד דאָלאַר ! זעהען זי מיסטער ביסינג, יעצט האַבען זי גאַנץ גוט געזאָגט, ער קאַן שוין רוהיג שלאַפען, ער דאַרף שוין קײַן אַנגסט האַבען פיר דיעבע, דאַס די זאָלען בײַ איהם דאַס געלד וועקשטאָהלען, נון וועל פאַרטנער, ווי געהען די געשעפטען ?

ביסינג : מאַנקאַדזשאו, וואַס איזט דאַס פיר אומפערשעמטהײַט, וואַס ווילסט דו ?

מאנקאדזשאו : וואָס הײַסט, וואָס איך וויל ? די אַפּותיקע ! לאַ־יחרץ געלד, די ממתקים.

ביסינג : דו בעקומסט פון מיר 5 טויזענד דאָלאַר, אָבער דו זאָלסט מויל האַלטען !...

מאנקאדזשאו : וואַס ? זאָ טיראַניש וואָלען זי מיך בעהאַנדלען ? ווי האַבט איהר פיר גאָט קײַן אַנגסט, ער ווירד אײַך דען שווײַגען ? אײַך פיל אײנע געבראַטענע טויב אינ'ם מונד אונד מיר ווילען זי זאָגאַר די קנאָכען ניכט געבען אַבצולעקען ?

ביסינג : דו בעקומסט דאָך פון מיר 5 טויזענד דאָלאַר...

מאנקאדזשאו : בלײַבט דאָך איהנען 45 טויזענד ; וואָלען וויר פראַגען צווײַ קלײַנע קינדער, וואַן דיעבען בעפאַלען אײנען מענשען, אײנער האַלט איהם צו דען מונד אונד דער צווײַטער נעהמט איהם דאַס געלד הערוים, טהײַלען זי זיך ניכט גלײַך ? זינד זי קײנע גלײַכע קאָמפּאַניאָנען ?

ביסינג : לומפּ, וואַס איזט דאַס פיר אײנע שפּראַכע ??

מאנקאדזשאו : דאַס איזט אײנע שפּראַכע פאָן אײנען הויפּט אָר־דענטליכען דיעב...

ביסינג : מאַרש ! הערוים, דו וואַגאַבונד !

מאנקאדזשאו : מאַרש איז מאַרש ; איך ווערדע געהן אונד זאַגען דען שלימזל'דיגען יורש אין וואַס פירה ~~עגע~~ ער האָט זײַן געלד איבערגעלאַסען ...

ביסינג : דו קאַנסט געהן !

מאנקאדזשאו : זאָ ! איהר ווילט דאַס איך זאָל וועקגעהן אונד איהר ווירד אונטערדעסען מאַכען די פליטה ! נײַן, סטאָפּ היער, פאָן היער געה איך ניכט וועק.

ביסינג : דו בעקומסט פון מיר 5 טויזענד דאָלאַר, ווײַסט דו איזט רעכט, זאָנסט קאַנסט דו מאַכען ווי דו פערשטעהסט.

מאנקאדזשאו : לאָס איך נור ניכט וועקגעהן פון מײַן פרינציפּ ; מײַן פרינציפּ איזט „לעולם תקח": לעולם נעהם, און תקח ווירסט דו ווײַטער נעהמען ... אהער קעש !

ביסינג : ששש... מיר שײַנט עס קאָמט שאָן ווידער יעמאַנד ...

מאנקאדזשאו : דער טײַפעל זאָל דאַס נעהמען : ווי עס קומט געלד נעהמען שלאָגט מאַן מיר איבער ...

(אויפטריט נאַטאַנזאָהן)

נאטאנזאהן : זעהר גוט וואַס איך האַבע זי נאָך געטראָפען ... זי ווערדען מיר ענטשולדיגען, מיסטער ביסינג ! איך האַבע מײַן בעשלוס געענדערט אונד פערלאַנגע מײַן געלד צוריק.

מאנקאדזשאו : די קאָמעדיע פאַנגט אָן דראַמאַטיש צו ווערדען !...

ביסינג : ווי קאָמט עס זאָ פלעצליך ה' נאַטאַנזאָהן ?

נאטאנזאהן : איך ווערדע איהנען די וואַהרהײַט זאַגען, זאָ ווי איך בין פון היער הערויסגעגאַנגען האַבע איך געטראָפען מענשען, וועלכע זײ האַבען מיר געזאָגט דאַס זי שטעהען זעהר שלעכט, הײַטע אָדער מאָרגען מוסען זי באַנקראָטירען.

מאנקאדזשאו : זאָ ! ווײַס מאַן שאָן דאַס געהײַמניס אָהנע מיך ? בין איך דאָך שאָן מעהר קײַן סעקרעט־מײַסטער !

ביסינג: וואס לייטע זאגען לעגע איך קיינע געוויכטע דארויף!

נאטאנזאהן: איך לעגע אבער יא געוויכטע דארויף! דא האבען זי איהרען רעסיט אונד געבען זי מיר מיין געלד!

ביסינג: נו, גוט! גוט! קאמען זי מארגען ווערדע איך איהנען דאס געלד צוריקגעבען.

נאטאנזאהן: וואס, מארגען זאל איך קאמען? זי גלויבען, איך פערשטעהע ניכט איהר אונמענשליכען פלאן מיט מיר? זי ווילען דאס איך זאל קאמען מארגען אונד הייטע ביי נאכט ווערדען זי דורך־געהן! ניין! הייטע מוסען זי מיר דאס געלד צוריק־געבען!

ביסינג: אך, זי. אונפערשעמטער! האב איך זי דען געזאגט דאס איך וויל איהנען דאס געלד ניכט צוריקגעבען? זאנדערן ביי נאכט גיב איך קיין געלד.

מאנקאדזשאו: ער האט דאך רעכט, געוויס!

נאטאנזאהן: ווארום האבען זי דען ביי נאכט ביי מיר דאס געלד גענאמען?

מאנקאדזשאו: אויב זא האט ער שאן רעכט!

ביסינג: נון גוט! ווארטען זי היער 5 מינוטען ווערדע איך איהנען דאס געלד צוריקגעבען.

נאטאנזאהן: ניין, מערדער! דו געהסט ניכט פון היער! מיין געלד זאל מיר זיין.

ביסינג: נא דו בלעדי פערנע (גיט איהם אקלאפ אין קאפ).

נאטאנזאהן: מיינע פרוי אונד קינדער (שטארבט).

ביסינג: איך געהע נאך איינען ארצט. (וויל געהן)

מאנקאדזשאו: סטאפ! מאן דארף ניכט.

ביסינג: פיליייכט איין ביסכען וואסער?

מאנקאדזשאו: עס ווירד איהם שאן ניכט העלפען, דער מאן איסט טאדט!

ביסינג: וואס טאדט? וואהער ווייסט דו עס?

מאנקאדזשאו: אהא, איך בין שאן א געניטער בעל שמחה אין דיזע זאכען; מיינע עלטערע 2 ברידער זינד אויך געשטארבען מיט זא איין טאדט, דאס איזט איין גאנץ לייכטער טאדט: איינס, צוויי, דריי, — אונד דער שלאק האט איך שאן געטראפען.

ביסינג: מאנקאדזשאו, יעצט איז קיין צייט צו שפאסען; גיב מיר איין ראטה וואס זאל איך טהון, פיליייכט קומט יעמאנד בייז איך דאך אונגליקליך.

מאנקאדזשאו: ממתקים! די אפותיקע!

ביסינג: דא האסט דו געלד.

מאנקאדזשאו: אויף די שטראסע איזט יעצט שטירמיש פינסטער, געהט הערויס אונד זעהט אויב עס איזט ניעמאנד דא, ווערדען וויר איהם הערויסטראגען אויף די שטראסע, אונד מארגען וואן מאן ווירד איהם פינדען, ווירד מאן גלויבען דאס שטראסען־מערדער האבען איהם ערמארדעט זא ווי עס פאסירט אפט אין אמעריקא; נון דארפט איהר נאך פאהרען נאך קענעדע?

ביסינג: זעהר גוט, לעשע די ליכט אוים! (אב).

מאנקאדזשאו: חא, חא, חא... דו אונפראקטישער דיעב! אוים גרוים איילע האט ער דען רעסיט פערגעסען; אה, דער רעסיט ווירד דאך יעצט זיין מיין לעבען, מיין רעטונגס־ענגעל, איך ווערדע איהם די הויט הערונטער־שינדען, איך ווערדע פאן איהם זא פיעל געלד ציהען, ~~גראדע ווי איין מאגיקער ציהט בענדער אוים דען מונד~~.

(אויפטריט ביסינג)

ביסינג: אויף די שטראססע איזט ניעמאנד דא, וואלען וויר איהם נעהמען.

מאנקאדזשאו: נון, שלימזל׳דיגער יורש? דארף מען האבען גליק, ווען מ׳ין האט נישט קיין יאהרען?... (טראגען איהם צום טהיר [illegible]) ~~יושב בסתר עליון~~...

(פארהאנג).

צווייטער אקט.

(שטעלט פאָר איין שיף מיט מאַטראָזען, שיפס־קאפּיטאַנען און
אויך פיעל פּאַסאַזשירען. זינגען).

קאהר: שטעלט אייך אויף אַלע אין די רייהע! אַלע אין די רייהען
איינס צווייַ דרייַ! טאַנצען זינגען לוסטיג אין דער רייהע! (בּיסם)
לוסטיג געהט, אויף די רייזע איין קום! איין קום! (בּיסם) טראַלאַלאַ
טראַלאַלאַ טראַלאַלאַ.

טיראללע: רוהיג מייַנע הערצען! ווי אויך רוהיג מייַנע דאַמען,
רוהיג זאָלט איהר זייַן וועט איהר הערען איין קאָנטראַס
פאַן מיר! איין קאָנטראַס פון מיר: איין טיראָללער בּין איך פון צו הויז,

טאנצען קאן איך זעהר גרוים (בּיסס. קאהר ווידערהאלט עס) יעצט מיינע פריינדע, קאם נור הער, לאם מיך הערען דיינע שטימע, טראגע אונז עטוואס פאר פאן רוסלאנד, פאן רוסלאנד!

קאהר: יא יא יא יא.

רוס: רוסע טי מאטושקא, טי מאיא גאלובישקא, שווער איז מיר פאן דיר צו שיידען, יעדו בראט פראשצייא (קאהר ווידערהאלט).

העע הו העע! עס טהוט מיר זעהר וועה; פערלאזט מיין שטאנד מיין פאטערלאנד, יעדו בראט פראשציאי (קאהר ווידערהאלט).

טיראללע: יעצט מיינע ליעבע פריינד, קומט נור אהער, טראגט אונז עטוואס פאר פאן חינא-לאנד, פאן חינא-לאנד!

קאהר: יא יא יא יא!

חינעזע: אנגעלעטשיא! אנגעלעטשיא (ביסס. וויטער ווידערהאלט דאסזעלבע).

קאהר: בראוואָ! בראוואָ! בראוואָ! בראוואָ! (מען קלינגט)

איינער: צום מיטאג! צום מיטאג!

קאהר: יעצט געהען וויר צום מיטאג צום מיטאג! (ביסס)

(נאטאנזאהן'ס פרוי און סאלע ערשיינען)

סאלע: מאמא, ס'איזט וואהר דאס דער פאפא האט אבגענומען אין ערב-טהייל פאן 50 טויזענד דאלאר?

עמיליא: יא, מיין קינד! דער פאפא האט אבגענאמען איין ערב-טהייל פאן 50 טויזענד דאלאר.

סאלע: מאמא, ווען ווערדען וויר זיין אין אמעריקא?

עמיליא: דער קאפיטאן האט געזאגט דאס היינטע ווערדען וויר זיין אין קאסטיל גארדען.

סאלע: מאמא זעה נור, דארט געהט קארל מיט פרייליין ליעבער-מאן. ער ווירד זי הייראטען?

עמיליא: פוי! עס איזט ניכט שעהן פיר דיך זא וואס צו פראגען!...

(אויפטריט קארל מיט שארלאטא)

קארל: גוט מארגען, ליעבע מוטער!

שארלאטא: ווי געהט עס מאדאם נאטאנזאהן?

עמיליא: גאט זיי דאנק!

שארלאטא: מאדאם נאטאנזאהן, האבען וויר נאך לאנגע צו פאהרען?

עמיליא: דער קאפיטאן האט געזאגט, דאס נאך היינטע ווערדען וויר זיין אין קאסטיל גארדען.

קארל: מיר שיינט דאס איינע קליינע שיפליין קאמט אן, דאס מוס געווים פון ניו-יארק זיין, קאם מוטער, ווערדען וויר נייעס ערפאהרען.

עמיליא: אך, מיין הערץ איזט מיר זא שווער, געבע גאט עס זאל צום גוטען זיין. (אלע אב)

(אויפטריט מישקע מיט מאשקען)

מישקע: אוי!

מאשקע: וועה!

מישקע: מאשקע, איך וויל שוין ווייטער...

מאשקע: אי, נישט נעראכט זאלסטו דו ווערען, זעה ווי אלע מענשען געהען שפאצירען, עס איז איין פערגעניגען צו זעהן און דו האלסט אין איין מעקען און אין איין בעקען.

מישקע: אט האסט דו איהם, איך בעקע גאר, מאשקע, איך וויל שוין ווייטער.

מאשקע: מישקע לעבען, האלט דיך איין!

מישקע: אוי! מאשקע לעבען, איך שטארב

מאשקע: עט, דאס זאגסט דו נאר אזוי!

מישקע: וואס, דו גלויבסט מיר נישט?

מאשקע: נון, גלויב איך דיר, וואס זשע ווילסט דו? זאל איך מיט דיר ודוי זאגען?

מישקע: אז ודוי זאל איך שוין זאגען נאך דיר, טאטע געטרייער! מאשקע, איך וויל שוין ווייטער...

מאשקע: האלט דיך איין, מישקע לעבען!

מישקע: אוי, מאשקע. איך שטארב!

מאשקע: שטארב, שטארב, דו מיינסט, אז דו וועסט שטארבען וועט מען דיך דא בעגראבען, אבער גאר לא, מען וועט דיך אריינווארפען אין ים אריין און אלע ים-קאטערס וועלען זיך רייסען איבער דיר.

מישקע: ווער שוין פארשטומט צו אלדע שווארץ יאהר! איך פער-שטעה דיין מיין, דו כל-בוניק, דו מיינסט, אז איך וועל שטארבען וועסט דו קענען חתונה האבען מיט א יונגע מויד? אזוי לאנג קרענקסט דו, ווי לאנג איך וועל נישט שטארבען, דיר אויף צו זעצעניש וועל איך נור האלטען אין איין לעבען, און אין איין מעקען... מאשקע! איך וויל שוין ווייטער!

מאשקע: האלט דיך איין מישקע לעבען, אט געהט קארל.

(אויפטריט קארל)

קארל: אה, אנקעל, טאנטע! איהר זייט נאך אלץ זעע-קראנק?

מישקע: וואס מיר זעה-קראנק? ציי זעה איך דען נישט חלילה אויף מיינע אויגען? דאס איז א מין קישקע-קראנקהייט! אוי מיינע קישקעס!

מאשקע: וואס פערשטעהסט דו נישט קארל? זי האט שוין נישט מיט וואס צו ברעכען, ברעכט זי מיט דער תוכחה...

מישקע: אומשטיינס געזאגט, אז מען פערלאזט זיך אויף אייך מענער קומט שטענדיג אזוי ארויס! האסט דו דען נישט געקענט אויסקלייבען א שיף פאר אונזער געלד, ווי עס געהעריג איז? ניין! האט זיך איהם פערגלוסט א מין הוידעלקע, איך זאל נישט זינדיגען מיט די רייד, טאטע געטרייער!... אז הוידלען און שאקלען זאל זיך שוין פון איהם, טאטע געטרייער!...

קארל: אבער וואס שפריכט די טאנטע? דיזע שיפפע איזט דאך איינע פאן די בעסטע שיפען.

מישקע: א שיף איז דאס? דאס איז דאך א וויעג! א מין לאקשען-ברעט...

קארל: געהט טאנטע א ביסכען ארין צו מיינע מוטער, פיללייכט ווירד איהנען בעסער ווערען.

מאשקע: יא, יא, מישקע לעבען! גיה א ביסעל ארין צו די שוועגערין, פערדרעה איהר א ביסעל דעם קאפ!

מישקע: אוי עס איז דאך נישט אויסצוהאלטען, אז אויסגעניקערט זאלען זיי ווערען! (אב)

קארל: נון אונד איהר אנקעל, איהר זייט גאר ניכט געוועזען זעע-קראנק?

מאשקע: ווי האב איך דען צייט צו זיין קראנק? אז איך בין אלץ פערנומען מיט מיין מישקען (מענשען לויפען דורך די ביהנע) זאג דאך מיר קארל. וואו לויפען דאס די מענשען?

קארל: די געהען זיך אימפען שטעלען.

מאשקע: וואס איז דאס אין מיטען דערינען פאקען?

קארל: אין אמעריקא איז אזא געזעץ. יעדער נייער מענש וואס קומט געפאהרען מוס זיך שטעלען לאסען אימפען; איך גיה צו דער מוטער (אב)

(אויפטריט מישקע)

מישקע: געוואלד, מאשקע! די שיף געהט אונטער.

מאשקע: שטעה דאך, אז דו וועסט אזוי לויפען וועסט דו אריינפאלען אין ים ארין. די שיף שטעהט דאך אויף איין ארט.

מישקע: וואו זשע דען לויפען עס די מענשען?

מאשקע: זיי געהען זיך שטעלען פאקען!

מישקע: וואס איז עפיס אין מיטען פאקען?

מאשקע: אמעריקא איז א נייע לאנד און יוער עס קומט נאך אמעריקא איז דאך א נייער מענש דארף מען איהם שטעלען נייע פאקען, נו קום!

מישקע: וואוהין?

מאשקע: פאקען שטעלען!

מישקע: וואס?

מאשקע: פאקען שטעלען.

מישקע: מאשקע!

מאשקע: ניין, דארטען שטעלט מען פאקען.

מישקע: מאשקע, היים אויסדרעהען די הוידעלקע צוריק אין קעשענאוו!

מאשקע: וואס רעדסט דו, ביסט א פנים משוגע?

מישקע: זאלסט מיך גאר נישט איבערפרעגען וואס איך רעד, נאר דו זאלסט אריינגעהן צו דעם, וואס מיט'ן רויטען קאשקעטעל!

מאשקע: צום קאפיטאן מיינסט דו?

מישקע: יא צום קבצן און זאלסט איהם זאגען: וויל ער אונז הוידען קיין מאלעריקא, ווי עס געהער צו זיין, איז גוט, אלא נישט...

מאשקע: אלא נישט?

מישקע: אלא נישט! וועל איך אויסלאזען אלע בייזע חלומות צו דיין קאפ.

מאשקע: ס'הייסט צו זיין קאפ.

מישקע: יא! איך מיין עס טאקי צו זיין קאפ; האב איך דען נישט בעצאהלט מיין פערהארעוועט געלד, אז אויסקרענקען זאלסט דו עס!

מאשקע: ס'הייסט ער זאל עס אויסקרענקען!

מישקע: עס איז מיר אלץ איינס, זאל ער דאס אויסקרענקען מיט דיר צוזאמען! וואס איז עפיס אין מיטען דרינען פאקען?! וואס בין איך עפיס א ילד פעטרוס? וואס האב איך דען נישט קלענער-הייד געפאקט און געמאזעלט?

מאשקע: מילא, פאר מיר איז דער תירוץ זעהר גוט. אבער דאס וועסט דו נישט אויספיהרען! דא אז מען זאגט פאקען איז פאקען! אזוי איז דער דין אין אמעריקא.

מאשקע: איך דארף דיר אויף כפרות מיט גאנץ אמעריקא.

מישקע: אט האט זי געמאכט א תכלית אין איין מינוט פון גאנץ אמעריקא! קום, מישקע לעבען, וועל איך דיר

עפּיס וויזען; דו זעהסט וואס דא איז אויפגעשריבען?

מישקע: ניין, איך פערשטעה ניִשט!

מאשקע: דא איז אויפגעשריבען, אז ווער עס לאזט זיך נישט שטע־לען קיין פּאקען אויף דער האנד, דעם שטעלט מען אויף דעם צונג.

מישקע: אוי אנ'אכטינג האט מיר געטראפען, וואס טהוט מען?

מאשקע: וואס מען טהוט? מען דארף גאר נישט ריידען; עס קומט אריין דער דאקטאר און שארט ארויף דעם ארבעל און נעהמט ארויס א קליין מעסערל אין מאכט... פּיק, פּיק.

מישקע: אזוי לאנג קרענקסט דו מיט'ן דאקטאר צוזאמען, ווי לאנג איך וועל מיך נישט לאזען מאכען פּיק, פּיק, און טהו מיר עפּיס!

מאשקע: איך וועל דיר גאר נישט טהון, נאר אהן פּאקען וועט מען דיך נישט אריינלאזען אין אמעריקא; זעה ווי אלע מענשען שפּאציערען, עס איז א פערגעניגען, דו זעהסט מען האט זיי שוין גע־שטעלט פּאקען און זיי זענען שוין געזונד...

(אלע ווינקען).

(פ ~~[illegible]~~)

~~דריטער אקט.~~

(א איינפאכער צימער, מישקע וועלגערט דאקשען).

מישקע: נא, אט האסט דו דיר מאלעריקא אויף מיין קאפּ! מען קען דא עפּיס קריגען? טאמער האב איך געוואלט קאכע א ביסעל בארשט, איז וואו בין איך שוין נישט אום געווען? גאנץ נארעל־סטריט, גאנץ עסינג סטריט און חאטש ווער די כפּרה קריגט מען נישט אויף א ביסעל בארשט, אוי אויסגעניקערט זאל ער מיר ווערען, דער כל־בוניק מאשקע, וואס ער האט מיך צוגערעדט, אז איך זאל פאה־רען אין מאלעריקא. (זב)

(ואויפטריט קארל)

קארל: אך, מיין גאט! וואו זינד די שענע פאנטאזיען, וואס איך האבע מיר פארגעשטעלט? וואו זינד די גאלדענע לופט־שלעסער, וואס איך האבע מיר געבויט? געסטערן אלס איך בין העריין אין אין קאנטאר איינע שטעלע ביטען איזט דארט געזעסען פרייליין

ליעבערמאַן; מײַן הערץ איזט מיר געפּרעסט געוואָרען, מײַן צונג איזט מיר פערטריקענט געוואָרען, זאָ דאַס איך קאַנטע קײן אײנציגעס וואָרט אויסשפרעכען. איך האַבע בעמערקט דאַס פרײַליין ליבערמאַן, וואָלטע צו מיר וואַס שפּרעכען, אָבער זי קאַנטע אויך ניכט אונד יעצט מוסטע איך מיך בעשליסען אַלס דיענער זיך אַנגאַזשירען לאַסען. איך אַלס דיענער?! אָה, גאָט! וואַרום שטראַפסט דו מיך זאָ?

(אויפטריט מישקע)

מישקע: קאַרל לעבען דו שלאָפסט? זעה, וואָס איך האָב דיר געוואָלט בעטען, איך האָב דאָ געקויפט אין מאַרק קעקעטש...

קאַרל: וואָס?

מישקע: קעקעטש!

קאַרל: וואַס איזט דען דאַס?

מישקע: אוי, וויסטער גרינהאָרן! אין קעשעניעוו איז ער געוועזען אײן גאַנצער בויך האַלטער! און דאָ קען ער קײן אײן וואָרט נישט מאַלעריקאַניש... וואָס בײַ אונז איז קרויט איז דאָ קעקעטש.

קאַרל: קרויט איז דאָך קעבעטש.

מישקע: קעבעטש איז דאָך אַ וואָגען.

קאַרל: אַ וואָגען איזט קערעטש.

מישקע: אָבער שטענדיג מוז ער מיך איבערשפּאַרען. אַז אַ מוהמע זאָגט קעקעטש איז קעקעטש. נאָר נישט דאָס בין איך אויסען, זעהסט דו? פאַר די 2 קלײנע קעקעטשלאַך האָב איך בעצאָהלט 7 סקרענט.

קאַרל: סענט, װאָלען זי זאַגען.

מישקע: דו שפּאַרסט מיך שוין ווײַטער איבער? יאָ, האָב איך דיך געוואָלט בעטען, נעהם אַ שטיקעל קרײַד און צובּרעך די 7 סקרענט אויף אונזער שפראַך, וויפיעל מאַכט דאָס אויס?

קאַרל: 14 קאָפּעקען.

מישקע: און וויפיעל גראָשען?

קאַרל: 28 גראָשען.

מישקע: 28 גראָשען פאַר אַזעלכע 2 קלײנע קעקעטשלאַך? אוי אויסגעחאַפּט זאָלען שוין ווערען גאַנץ מאַלעריקאַ, 28 גראָשען פאַר אַזעלכע 2 קלײנע קעקעטשלאַך; קאַרל לעבען. אַז די מאַמע וועט קומען, זאָלסט דו איהר זאָגען, אַז איך בין אין קישען.

קאַרל: וואו?

מישקע: אין קישען, אין קיך!

קאַרל: אין קיטשען, וואָלען זי זאַגען.

מישקע: דו שפּאַרסט שוין ווײַטער איבער? איך האָב דאָך דיר שוין 10 מאָל געזאָגט, אַז דאָ איז די פּאַלע איז דאָרט די קישען! 28 גראָשען פאַר אַזעלכע 2 קלײנע קעקעטשלאַך! (אָב)

קאַרל: איך ווײס גאַר ניכט וואַס איך זאָל מײַנע מוטער זאַגען, איך ווײס בעשטימט דאַס זי ווירד דיעזען קלאַפּ ניכט הערי בערטראַגען.

(אויפטריט עמיליא)

עמיליא: נון, וואַס הערט מאַן נײַעס, מײַן ליעבער זאָהן?

קאַרל: ליעבע מוטער, דו ווירסט זאָ גוט זײַן אונד מיר די וועשע אײַנפּאַקען. איך האַבע שאָן אײַנע שטעלע בעקאָמען.

עמיליא: גאָט זײַ דאַנק, בײַ וועהם?

קאַרל: בײַ אײן געוויסען באַנקיר וואָלף ביסינג, אַלס דיענער...

עמיליא: מײַן זאָהן אַ"ם דיענער! אָה גאָט, וואַרום שטראַפסט דו מיך זאָ שווער?

קאַרל: זאָרגע ניכט, ליעבע מוטער! דער גאָט וועלכער האָט אונז אין טיעפסטען אָבגרונד געשלײַדערט דער וועט אונז נאָך העלפען. (בײדע אָב)

(אויפטריט מאָשקע)

מאשקע: אָה, איז אין דרויסען אַ פראָסט, אַז עס איז אײן עברה אַ הונד אַרויסצולאָזען, און דאָ בין איך הונגעריג אויפ'ן גאַנצען מאָגען, וואו איז ערגיץ מישקע? אַהאַ, זי דאַרף אַוודאי זײַן פערנומען אין קיך, הײַנט איז דאָך עפּיס פּורים! מישקע לעבען! מישקע לעבען!!

מישקע: (הינטער די קוליסען) וואָס איז מאָשקע לעבען?

מאשקע: וואָס איז? קום אַרײַן אין שטוב וועסט דו עפּיס געבען עסען, וואָרום איך בין זעהר הונגעריג.

(אויפטריט מישקע)

מישקע: אָה. מאָשקע לעבען! אַ גוטען פּורים אויף אונז און אויף אַלע יודען, אָמן סלה.

מאשקע: אָמן סלה, האָסט עפּיס צו עסען מישקע לעבען, וואָרום איך בין זעהר הונגעריג. איך פערשטעה מישקע לעבען לכבוד פּורים האָסט דו אוודאי געקאָכט אַ גוטע יויך!

מישקע: יויך זאָל איך דיר קאָכען? האָסט מיר אַ סך איבערגעלאָזט אויף יויך? דו ווײסט דאָך, אַז מען דאַרף האָבען פאַר די יויך און אונטער די יויך אַ פאַסאָלקע, אַ פּיעטרושקע, אַ ציבעלע,

א ריבקע, האסט מיר א סך איבערגעלאזט געלר אויף . . .

מאשקע: אהא, דו האסט אודאי געקאכט א גוטען בארשט מיט א פעטען מארך-ביין.

מישקע: מישטיינס געזאגט, אין אמעריקא וויל ער עסען בארשט, אז מען וויל עסען בארשט מוז מען פאהרען אין קעשעניעוו, וואו בין איך דען נישט אויסגעפאלען? גאנץ עסיג-סטריט, גאנץ נאדעל-סטריט און האטש ווער די כפרה קריגט מען נישט אויף א ביסעל בארשט.

מאשקע: וואס דען האסט דו געקאכט?

מישקע: גלויב מיר מאשקע איך האב דיר געקאכט א מאכל, איז א כפרה די יויך!...

מאשקע: נון, זאג שוין וואס?

מישקע: איך האב דיר געקאכט קעקעטש.

מאשקע: וואס איז דאס אזוינס, צום עסען?

מישקע: וואס דען צום טרינקען?

מאשקע: אבי צום עסען; נון גיב שוין אהער.

מישקע: נון, און די מגילה?

מאשקע: צו וואס דארפסט דו די מגילה?

מישקע: ס'טייטש! דו האסט פערגעסען, וואס פאר א יום הדין מיר האבען היינט? היינט איז דאך עפיס פורים.

מאשקע: איך האב געהערט די מגילה, ביסט דו שוין יוצא.

מישקע: און איך האב שוין געגעסען, ביסט דו שוין אויך יוצא.

מאשקע: מישקע, גיב מיר עסען, ווארום איך שטארב פון הונגער...

מישקע: מאשקע, די מגילה זאל מיר זיין! אז נישט בעקומסט דו נישט א שטיקעל קעקעטש...

מאשקע: איך ווייס נישט צי איז מיר נאך געבליבען א מגילה? אהא, ס'איז נאך דא א קליין מגילהלע.

מישקע: מאשקע, דו זאלסט מיר אויסלערנען פון דעשקע לרעשקע! אפילו דער יונגסטער זוהן המן'ס ויזתא, זאל אויך נישט פעהלען!

מאשקע: הער זיך איין: ויהי בימי אחשורש, הוא אחשורש (מישקע וויינט) מישקע, וואס וויינסט דו?

מישקע: פאר וואס זאל איך נישט וויינען, און פאר וואס זאל איך נישט קלאגען, אז אין קעשעניעוו פלעגסט דו זאך צולעגען מיט די מגילה איז זי געווען אזוי לאנג און אזוי ברייט און דא האסט דו אוועקגעלעגט א מין בענטשערל, נישט זינדיגען זאל איך מיט די רייד טאטע געטרייער!

מאשקע: פאר וואס אין קעשעניעוו, אז עס פלעגט קומען דער היילינגער פורים פלעגסט דו ארויפלייגען א פורים-קוילעטש, איז ער געווען אזוי גרויס און אזוי ברייט און דא גיבסט דו מיר קעקעטש! —

מישקע: נון, ליינען וויטער!

מאשקע: אחר הדברים האלה גידל המלך אחשורוש את המן. —

מישקע: שטעה, איך האב דיך געפאקט! וואס האסט דו געזאגט?

מאשקע: גידל המלך אחשורוש את המן.

מישקע: נון, און איין גרעגער?

מאשקע: דו ביסט דען א קליינער גרעגער?

מישקע: מאשקע! א גרעגער זאל מיר זיין, ווען נישט בעקומסט דו נישט א שטיקעל קעקעטש!

מאשקע: נאך א גליק וואס עס איז מיר פערבליבען א גרעגער. נא דיר, דא האסט דו שוין א גרעגער; איש היה בשושן הבירה ושמו מרדכי בן יאיר בן שמעי בן קיש...

מישקע: ער זאל זיין א כפרה פאר מיר און פאר כל ישראל, אמן סלה!

מאשקע: אמן סלה! גיב אהער דעם קעקעטש!

מישקע: וואס איז עפיס אזוי גיך?

מאשקע: וואס פערשטעהסט דו נישט, מישקע לעבען? אין אמעריקא געהט אלעס אויף פארע, געהט די מגילה אויך אויף פארע.

מישקע: נון, ווערסט דו ביי מיר עסען אויך אויף פארע.

מאשקע: גיב מיר עפיס עסען ווארום איך שטארב דא פאר הונגער.

מישקע: נון, געה שוין אריין דו כל-בוניק אין קישען ווערסט דו דארט דיר נעהמען עסען!

מאשקע: וואס שיקסט דו מיר עפיס שלאפען, וויל איך דען שלאפען? איך וויל עסען.

מישקע: אוי וויסטער גרינהארן, נאך ווייסט דו נישט, אז דא איז די פאלע איז דארטען די קישען.

מאשקע: טפוי אויף דיר, קיטשען האסט דו בעדארפט זאגען. (אב) .

מישקע: אוי כל-בוניק, כל-בוניק! עס האט זיך איהם פערגלוסט מאלעריקע, דארט וועלען מיר שארען געלד האט ער געזאגט צום סוף שארט ער אפילו קיין ברויט אויך נישט. אוי קעשעניאוו, קעשעניאוו... מאשקע!

מאשקע: וואס איז שוין ווידער מישקעלע?

שלח ונות

[illegible]

מישקע: אך שלוח מנות ?

מאשקע: שלוח מנות זעהסט דו מישקעלע ווערד דא געזוננגען נישט געשיקט !

מישקע: נו לאז שוין זיין געזוננגען, נו זינג שוין !

מאשקע: דאס ערשטע שלוח מנות
וואס גאט האט אונז געשיקט
ער האט אונז אויסגעלייזט פון גלות
און אין די מדבר אריין געשיקט.

ביידע: א משקה׳לע, א כוס׳עלע, א טארטעלע, א צוקערלע,
אוי ווי צוקער זיס !
א המן׳דעל, אנ׳אסתר׳ל, א מרדכי׳לע, א שוועסטער׳ל,
אוי ווי צוקער זיס ! אוי ווי צוקער זיס !
שיקט שוין אלע שלוח מנות,
איינער דעם צווייטען גרויסע מתנות,
אוי ווי צוקער זיס !

מישקע: נו קום אויך אריין אין קישען !

מאשקע: נאך וואס טויג מיר א קישען !

מישקע: נאך ווייסט דו אלס נישט אז דא איז די פאלע און דארט איז דער קישען ! נור לאז שוין דא זיין די פאלע און דא דער קישען !

מאשקע: נו ווען וועסט דו מיר שוין געבען דעם קעקעטש ?
(שארלאטע סאלא ערשיינען)

מישקע: א גוטען פורים שוועגערין .

שארלאטע: א גוט יאהר (צו סאלא) זאג נור מיין קינד וואו האסט דו גענומען דאס געלד ?

סאלא: איך האב מיך ארויפגעחאפט אויפ׳ן טראנוויי איז געקומען איין פאליסמאן און ער האט מיר געגעבען א קלאפ האב איך שטארק געוויינט ; איז ער געקומען אהער און ער האט מיר געגעבען געלד איך זאל נישט וויינען ! מוטער ! איך וועל דיר שוין אלע טאג ברענגען געלד אהיים !

שארלאטע: וואו איז דאס מיין קינד די האנד אזוי געווארען .

מישקע: לאז ער אויפלייגען א טיכעל מיט קאלט וואסער ! (ער לייגט אויף)

מאשקע: קום שוועסטער אריין וועסט דו עפיס געניסען פון פורים .

שארלאטע: קום סאלא !

סאלא: געה דו אריין מוטער איך וועל מיך דא שפיעלען מיט די קינדערלעך .
קומט אריין קינדערלעך ! (קינדער ערשיינען)

איינער: איך וועל זיין מרדכי .

איינער: עס איזט דאך מיין פערד !

סאלא: עס איזט דאך מיין שטיער !

איינער: נוא זיי דו מרדכי ! און איך המן ! (אלע זינגען)

סאלא: המן דער שלעכטער יונג
האט געוואלט מיט זיין בייזען צונג
אומברענגען די יודען אהנע צאהל !
האט מרדכי מיט זיין געוויין
געמאכט עס זאל גאר נישט זיין
אונד אללעס איז געווען אלרייט (ביסס)

אלע: מרדכי ! מרדכי ! אלרייט !

סאלא: הא אין די סאר !

אלע: המן המן אין סאר ! קומט שוין קינדער ! (3 מאל)

סאלא: עס האט נישט לאנג געדויערט
האט המן א תליה אויף געבויט
און ער האט זיך דאבי זעהר געפרייט .
אז פון יודען וועט זיין א סוף .
(פ א ר ה א נ ג) .

פיערטער אקט .

די ביהנע שטעלט פאר א זאל ;

מינא : ליעבע שארלאטא , איך קאן דיך גאר ניכט פערשטעהן , דו נעהמסט דאך זא איינען רייכען ברויטיגאם , איינע אנדערע אויף דיינען פלאץ העטע זיך גליקליך שעטצען זא איינען מאן צו האבען אונד דו ביזט איממער טרויעריג .

שארלאטא : ניכט אלעס איזט גאלד , וואס עס שיינט .

מינא : איך פערשטעה דיך ניכט , ערקלערע דאך מיר אלעס .

שארלאטא : דו ווייסט דאך גאנץ גוט ליעבע מינא , דאס דער הערר ליעבערמאן איזט ניכט מיין ריכטיגער פאטער , ער איזט נור מיין ערציהונגס־פאטער , ריכטיגע עלטערן קאנטע איך ניכט , דען אלס איך וואר נאך איין קליינעס קינד האט מיך דער הערר ליעבערמאן צו זיך גענאמען , נור דאס ווייס איך , דאס איך בין קיינע געבארענע אמעריקאנערין , זאנדערן אויס רוסלאנד . מיט איין יאהר צוריק האבע איך געבעטען דעם העררן ליעבערמאן דאס ער זאל מיר ערלויבען נאך רוסלאנד פאהרען מיינע ריכטיגע עלטערן אויפזוכען . דער הערר ליעבערמאן האט עס מיר ערלויבט אונד איך בין נאך רוסלאנד געפאהרען , איך האבע אין מיינער געבורטס־שטאדט געזוכט , נאכגעפראגט . פיללייכט לעבט נאך מיינע מוטער אדער פאטער , לײַדער וואר שאן ניעמאנד פון מיינע פרײַנדע ווי אוך פאן מיינע פערוואנדטע ; איך בין נאטירליך צוריק געפאהרען נאך ניו־יארק , אונד וועהרענד דער רייזע אויף דער שיפפע האבע איך מיך מיט איינען יונגען מאן בעקאנט . אך מינא איין פוסטער דער טוגענד ! זיין ערעלעס בענעהמען קאן איך בעשרייבען ; איך האבע מיך אין איהם שטערבליך פערליעבט אונד וויר האבען אונז עווינע ליעבע געשוואהרען . יעצט שטעללע דיך פאר מיינע שמערצען , דאס פאן דער גאנצער צייט וואס איך בין היער אין ניו־יארק האבע איך איהם נור איין מאל געזעהן בײַ ביסינג אין קאנטאר , אבער איך קאנטע דאן מיט איהם ניכט שפרעכען ; יעצט צווינגט מאן מיך דאס איך זאל הייראטען דעם הערר ביסינג , דאס הייסט עסען זא וואס , וואס ניכט שמעקען קאן . נון זאגע מינא , קאנסט דו מיך פיר גליקליך רעכנען ?

מינא : איך הערע שריטטע , עס קאמט יעמאנד , פאססע דיך ליעבע שארלאטא , נאס וויר דיך ניכט פערלאסען !

(אויפטריט ביסינג אונד ליעבערמא)

ביסינג : ליעבע שארלאטא , ווארום זיצסט דו היער ? ווארום גערהסט

דו ניכט צו די געסטע זיך אמוזירען.

שארלאטא: איך קאן ניכט, עס איזט מיר עטוואס איבעל.

ביסינג: איבעל? דיענער! שנעלל וואסער, וואס איזט מיט דיר געשעהן, פילייכט רופען איינען דאקטאר?!..

(אויפטריט קארל מיט וואסער)

קארל: מיין גאט! שארלאטא! (אב)

ליעבערמאן: קאם מיין קינד אין גארטען, פילייכט ווירד דיר בעסער ווערדען!

ביסינג: האניג! (אויפטריט האניג) דא האסט דו איינען דאלאר, געבע דען נייען דיענער אונד זאגע איהם דאס ער זאל זאפארט מיין הויז פערלאסען!

דיענער: שעהן! (אב)

ביסינג: די געשיכטע קאמט מיר זעהר פערדעכטיג פאר (אויפטריט ליעבערמאן) מיסטער ליעבערמאן! איך האבע איהנען עהרליכע דאללארס געצאהלט אונד זי ליפערן מיר פאלשע וואארע!

ליעבערמאן: וואס מיינען זי דאמיט?

ביסינג: גאנץ איינפאך! האבען זי דען ניכט די לעצטע סצענע מיט דעם נייען דיענער בעמערקט? מיר שיינט דאס ער איזט געוויס איהר געליעבטער.

ליעבערמאן: געוועזען! שארלאטא האט מיר אלעס ערצעהלט. ניכט יעדער מענש ווערט מיט זיינען שיקזאל געבארען; דיעזער יונגער מאן איזט נאך אמעריקא מיט גאנץ אנדערע אויסזיכטען געקאמען, אבער דאס שיקזאל האט איהם געפיהרט ביי אייך איין דיענער צו ווערען, גראדע ווי מיך מיינע טאכטער איהנען צור פרוי צו געבען, אבער אונזער האנדעל איזט נאך ניכט פעסט געשלאסען, זי קענען נאך איהרווארט צוריק נעהמען.

ביסינג: גאט בעוואהרע! דאס ניעמאלס. וואן איך האבע מיין ווארט געגעבען ווירד שאן זא בלייבען.

ליעבערמאן: איך געה צו מיינע טאכטער. (אב)

ביסינג: אך, וואן איך זאל מיט 25 יאהר יונגער זיין, דא העטען זיך די לייטע מיט מיר ניכט זא הערומגעשמיסען, אבער זא פעהלט מיר אויך גאר ניכט, איך בין גאט זיי דאנק רייך, אונד שארלאטא ווירד מוסען מיינע פרוי בלייבען! יא! אונד פיר דען איינען וואגאבונד מאנקאדזשאו, פיר וועלכען איך איממער געשראקען האבע (אויפטריט מאנקאדזשאו) דער איסט שאן געוויס געשטארבען, ער איסט שאן געוויס אין קערקער פערפוילט געבליבען.

מאנקאדזשאו: ניין סער, מאנקאדזשאו לעבט אונד איזט היער.

ביסינג: מאנקאדזשאו? דו היער? דו לעבסט?

מאנקאדזשאו: יא סער, איך לעבע, אום איהנען צו בעגראבען.

ביסינג: וואהער קאמסט דו יעצט מאנקאדזשאו?

מאנקאדזשאו: פאן די האהע פענסטער וואו אלע ארענטליכע לייטע זיטצען.

ביסינג: אך, ווארום ביסט דו הערויס!

מאנקאדזשאו: אום איך זאל קענען איהנען טראנספארטירען.

ביסינג: מאנקאדזשאו, וואס פערלאנגסט דו?

מאנקאדזשאו: מאני. דען פאן יענעם געלד איסט מיר שאן גאר ניכט געבליעבען, אונד איהר שטעהט נאך עבער גוט.

ביסינג: מאנקאדזשאו! איך ראטהע דיר מונד צו האלטען. זאנסט פאקע איך דיך הערייך דארט וואהער דו ביסט יעצט געקאמען.

מאנקאדזשאו: ניין סער, אהנע זי ווערדע איך שאן ניכט געהן.

ביסינג: מאנקאדזשאו!

מאנקאדזשאו: סטאפ! מאנקאדזשאו קען בעסער פייטען, איהר גלויבט דאס עס ווירד מיר שווער זיין צו ערצעהלען די געשיכטע מיט דעם שלימזולדיגען יורש?

ביסינג: ווער ווירד דען גלויבען זא איין וואגאבונד ווי דו ביסט?

מאנקאדזשאו: יא, דאס האבען זי רעכט. מיר ווירד מאן ניכט גלויבען, אבער דער רעסיט לעבט.

ביסינג: וואס, דער רעסיט איזט ביי דיר?

מאנקאדזשאו: וואס דען, ביי אייך איזט ער?

ביסינג: ווי זא קאמט ער צו דיר?

מאנקאדזשאו: איהר געדענקט די געשיכטע מיט דעם שלימזול'דיגען יורש דאן ביי אייך אין קאנטאר? ווען ער האט דען שלאק בעקאממען, האט ער דען רעסיט וועקגעלעגט אויף דעם טיש.

ביסינג: נון, האסט דו געוואגט דיינע האנד צו לעגען אויף איהם?

מאנקאדזשאו: פארדאן! איך האבע ביידע הענדע געלעגט אויף איהם, איך האבע מיך איינגאנצען הערויפגעלעגט אויף איהם.

ביסינג: גיב מיר דען רעסיט!

מאנקאדזשאו: גיב מיר מאני.

ביסינג: הייטע האב איך קיין געלד; מארגען ווירסט דו קאמען צו

מיר ווערדע איך דיר געלד געבען אונד דו ווירסט מיר דען רעסיט געבען .

מאנקאדזשאו : ניין, מארגען ווערדען זי זא פריינדליך זיין אונד קאמען צו מיר .

ביסינג : וואס, איך זאל קאמען צו דיר ?

מאנקאדזשאו : וואס, עס פאסט איהנען ניכט ? זינד וויר דען קיינע גלייכע קאמפאניאנען ? הייטע האבע איך זי בעעהרט מיט איין וויזיט אונד מארגען ווערדען זי מיך בעעהרען מיט איין וויזיט .

ביסינג : נון גוט, לאססע מיר דיינע אדרעססע איבער, ווערדע איך מארגען זיי ביי דיר .

מאנקאדזשאו : איך האבע לײדער קיינע וויזיט-קארטען, דען דער דרוקער גיבט ניכט אהנע געלד, נור זי האבען דאך פון אלטע צייטען איינען גוטען קאפ, איך [illegible] איהנען זאגען מיינע אדרעססע, ווערדען זי שאן טרעפען . איך וואהנע בעקטשטעטשליין סטריט נו' 100 אויף דעם 10-טען טאפּלאר, וואן זי ווערדען הערויפגעהן אויף די טרעפּ, ווערדען זי זעהן אויף איינע ראטהע טהיר איזט אויפגעשריבען מיט גרינע קריידע, היער וואהנט מיסטער מאנקאדזשאו .

ביסינג : נון, גוט, מארגען אום 12 אוהר בין איך ביי דיר .

מאנקאדזשאו : אבער בעשטימט אום 12 אוהר, נון אדיע !

ביסינג : נון, געה דאך שאן !

מאנקאדזשאו : נון, גיבט דאך מיר שאן אייער האנד, אדיע ! (אב)

ביסינג : אך, גאט זיי דאנק, וואס איך בין דיעזען וואגאבונד לויז געווארדען ! איך ווערדע מאל נאכזעהען וואס מיט מיינע שארלאטא געשעהען איזט . (אב)

(אויפטריט מאנקאדזשאו)

מאנקאדזשאו : עה, מיסטער ! מיסטער ! ער איזט שאן וועק ? איך וואלטע ביי איהם נעהמען עטוואס האנד-געלד, אבער זא ווערדע איך שאן מוסען ווארטען ביז מארגען . אבער פיליייכט ווירד ער מארגען אויך ניכט קאמען ? אבער דאס קאן ניכט זיין, ער מוס דאך איין עהרען-מאן ! יא זאלכע עהרען-מענער קאן מאן אלע צוויי אויף איין גאלגען אויפהענגען .

(פארהאנג) .

פינפטער אקט .

קארל : הייטע איזט דער טאג פאן מיינע שארלאטא'ס האכצייט ! הייטע איזט דער טאג אין וועלכען מאן רייסט מיר דאס ליעבסטע פאן מיינעם הערצען וועק ! הייטע פיהרט מאן מיינע שארלאטא צום עשאפאט אונד איך מוס דאס אלעס צוזעהן . . . אה, ניין ! לענגער ווערדע איך שאן היער ניכט בלייבען, פארט מוס איך פאן היער . . . אדיע שארלאטא ! אדיע !

(אויפטריט שארלאטא)

שארלאטא : קארל ! וואהין ?

קארל : לאסט מיך, שארלאטא ! איך קאן היער ניכט בלייבען .

שארלאטא : אה, קארל ! פערלאסט מיך ניכט ביי מיינע לעצטע מינוטען פאן מיינעם לעבען ! פערלאסט מיך ניכט אין דיעזער מינוט . וואן מאן ווירד מיך צום עשאפאט פיהרען !

קארל : קאן איך דען מיין דאזיין לייכטער מאכען ?

שארלאטא : יא . . .

(אויפטריט מישקע און מאשקע)

מישקע : האב איך דיר געזאגט, אז דא דארף עס זיין ?

קארל : אה, אנקעל, טאנטע ! איך האבע די עהרע פארצושטעלען פריילין ליעבערמאן, מיין טאנטע . . .

מאשקע : מאראס גרעגער !

קארל : מיין אנקעל . . .

מישקע : הערר המן-קלאפער ! מאשקע, איז דאס די כלה אליין ?

מאשקע : מישקע, זעץ דיך אנידער און זיץ אויף איין ארט .

מישקע : אבער איך דארף דאך וויסען ווער די כלה איז ; זאג נאר מיר כלהכען, ביזט דו דאס די כלה אליין ?

שארלאטא : איך געה הערײן-שיקען מיינען פאטער (אב)

מאשקע : נו, זאג אליין נרעגער ! זעה וואס דו האסט געטהון, טאמער וואלט די כלה דא נאך אביסעל געזעסען, האסט דו זי פערטריבען, נו זעץ דיך שוין אנידער און זיץ .

מישקע : איהר זעהט א חתונה אין מאלעריקא, מען זעהט נישט אן א לעבעדיגען מענשען ! ביי אונז א פדיון הבן איז שוין שעהנער ווי אין מאלעריקע א חתונה . . .

מאשקע: זאָג נאָר מיר קאַרל, וואָס איז דאָס נעכטען געשעהן מיט איינעם וואָלף בּיסינג און מיט איינעם מאָנקאַרזשאו?

קאַרל: זאָ ווי מאָנקאַרזשאו ערצעהלט איזט איהם בּיסינג בּע־פאַלען, נור ווי מענשען ערצעהלען איזט מאָנקאַרזשאו בּעפאַלען בּיסינג'ן...

מאשקע: אָבער וואָס פאַר אַ געשעפטען האָבּען זיי צווישען זיך?

קאַרל: דער מאָנקאַרזשאו וואַר בּיי הערן בּיסינג בּוכהאַלטער. אַבּער יעצט איזט ער איין וואַגאַבּונד, איין דיעבּ!

מאשקע: אָבּער ווי קומט דאָס, אַז ער זאָל דערמאַהנען דעם נאָמען נאַטאַנזאָהן?

קאַרל: איין נאַטאַנזאָהן איזט דען דאַ אויף דער וועלט!

מישקע: מיסטער און מיסטער, וואָס בּיי אונז אין קעשעניאָוו איז אַ שוסטער איז דאָ אין מאַלעריקאַ אַ מיסטער. מען זאָגט דאָך אַז די ווייבּער האָבּען ניין מאָס רייד, נאָר די מענער האָבּען 99 מאָס רייד. אַז די מענער הויבּען אָן רעדען, קומט נישט איינם צום צעהנ־טען. געה זעץ דיך אַוועק, ~~די קאַפּעליוש~~! איך האָבּ עפּיס וויכטיגעס צו רעדען מיט קאַרלען; זאָג מיר נאָר קאַרל! ווער וועט נעהמען אונטערפיהרעכטס?

מאשקע: אָט דאָס הייסט בּיי דיר וויכטיגעס? זעץ דיך שוין אַנידער דו גרעגער און זיץ!.. (אויפטריט עמיליע)

מישקע: אָה, שוועגערין לעבּען! גאָט צו דאַנקען, וואָס מען זעהט שוין אַ לעבּעדיגען מענשען, מען האָט מיר דערצעהלט, אַז איהר זיין געוועזען געפעהרליך קראַנק, איבּער איך מעג מען שוין מאַכען די בּרכה: בּרוך דין אמת.

מאשקע: גרעגער! בּרוך מחיה מתים, האָסטו בּעדאַרפט זאָגען.

מישקע: זאָל זיין ווי דו זאָגסט אַבּי מען זעהט זיך געזונד. וואָס זאָגט איהר עפּיס צו די מאַלעריקאַנער חתונות, קוים וואָס מען זעהט אַ לעבּעדיגען מענשען! בּיי אונז אין קעשעניאָוו אַ חתונה הויבּט זיך אָן פרייטאָג און עס ענדיגט זיך איבּער אַכט טאָג פרייטאָג! מיין קאַפּעליוש האָט זיך פאַרגלוסט פאָהרען אין מאַלעריקאַ! איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך ערצעהלען שוועגערין, אַז פון דער גאַנצער צייט וואָס איך בּין אין מאַלעריקאַ האָבּ איך נאָך נישט געזעהן מיין טאַטען צו חלום; און איך קען גאָר נישט האָבּען צו איהם. אין קעשעניאָוו פלעגט ער קומען צו מיר אַלע חודש, ווייל פון בּענדער אין קעשעניאָוו איז איין טאָג גאַנג, אָבער דערמאַהן זיך, וויפיעל ער דאַרף גייען פון בּענדער אין מאַלעריקע דורך אַזאַ גרויסען ים..! (אויפטריט שאַרלאָטאַ)

לאָז מיך, מאשקע, איך וויל עפּיס פרעגען דער כלה.

מאשקע: גרעגער, דו וועסט איהר וויטער פערטרייבּען.

מישקע: נישקשה, זאָג מיר נאָר כלה'ניו, דאָס בּיסט דו די כלה אַליין?

שאַרלאָטאַ: יאָ!

מישקע: זאָל דיר זיין צו רפואה שלימה! זאָג מיר נאָר כלה'כען דו בּיזט אַליין פון מאַלעריקאַ?

שאַרלאָטאַ: ניין...

מישקע: פון וואַנען דען?

שאַרלאָטאַ: פון קעשעניאָוו.

מישקע: פון קעשעניאָוו? מאשקע דו הערסט פון קעשעניאָוו; שוועגערין פון קעשעניאָוו, קאַרל פון קעשעניאָוו; דו האָסט אַ טאַטען מיט אַ מאַמען?

שאַרלאָטאַ: איך האַבּע לײַדער בּיידע ניכט!

מישקע: וואָס הייסט, דו האָסט בּיידע נישט?

שאַרלאָטאַ: וואַן איך וואַר נאָך איין קליינעס קינד איזט מיין פאַטער וועק נאָך אַמעריקאַ אונד איסט דאָרט געשטאָרבּען.

מישקע: געשטאָרבּען? בּרוך מחיה מתים.

מאשקע: געוואַלד, גרעגער, וואָס פערבּייטסט דו די בּרכות! בּרוך דיין אמת האָסטו בּעדאַרפט זאָגען.

מאשקע: ס'דאַנה דיר, געשטאָרבּען בּעגראָבּען, אויף יענער וועלט ווי געפונען; נו דערצעהל וויטער...

שאַרלאָטאַ: נאַכהער איסט מיינע מוטער איהם געפאָהרען זוכען אונד איסט אויף דער רייזע אויך געשטאָרבּען.

מישקע: בּרוך... מאשקע וואָס פאַר אַ בּרכה מאַכט מען?

מאשקע: יוצא אָהן אַ בּרכה.

מישקע: נו וויטער?

שאַרלאָטאַ: נאַכהער האַט מיך דער הערר ליבּערמאַן צו זיך גע־נאָמען אונד האַט מיך ווי זיין איינענעס קינד ערצאָגען. אונד זאָ איזט עס שאָן איינע געשיכטע פון 17 יאהר.

מישקע: דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען כל־בו'ניק, אַז די געשיכטע איז ענליך צו מיין שוועסטערס געשיכטע; דאָס וועט שוין זיין אַ געשיכטע פון 16 יאָהר מיט 13 חדשים, איז מיין שווע־סטערס מאַן געגאַנגען צומאַכען די לאָרענס און איז פערפאַלען גע־וואָרען. האָבּען מיר געמיינט, אַז שדים האָבּען איהם צוגעכאַפּט, נאָר נאָך אַ קורץ שטיקעל צייט האָבּען מיר געהערט, אַז ער איז אין מאַלע־ריקאַ, אַז מיין שוועסטער האָט דאָס דערהערט איז זי געפאָהרען איהם

זוכען, נאר זי איז נעבאך א לעבעדיגע אויף'ן שיף געשטארבען... זאג מיר נאר כלה'כען, ווי אזוי הייסט דו?

שארלאטא: שארלאטא.

מישקע: שקארלאטא! א שעהנער נאמען שקארלאטע! אזוי רופט מען דיך אין מאלעריקא, אבער ווי האט מען דיך גערופען אין קעשעניאוו?

שארלאטא: שיינדעלע.

מישקע: אוי איין אבטיג האט מיך געטראפען! כל־בו'ניק דו ועסט זעהן איך וועל. באלד עפים טרעפען.

מאשקע: מישקע זעץ דיך אנידער, דו וועסט נישט טרעפען.

מישקע: אז איך וועל נישט טרעפען וועט זיין פארפאלען. זאג נאר מיר כלה'כען ווי האט געהייסען דיין מאמע? שטעה, שטעה, איך וועל אליין טרעפען: דיין מאמע האט געהייסען... חנה, און זי האט געהאט א שוועסטער... מישקע, און די מישקע שטעהט יעצט פאר דיר... און וואהל איז דיין מוהמע, און גוט איז דיין מוהמע!

שארלאטא: וואס הער איך? איהר זייט מיין טאנטע?

מישקע: ווער מיר טראנטעל, איין אייגענע מוהמע. כל־בו'ניק, וואס שווייגסט דו? דאס איז דאך שיינדעלע חנה'ס!

מאשקע: וואס הער איך דאס איז שיינדעלע חנה'ס?! בין איך דאך דיין פעטער מאשקע... און וואהל איז דיין פעטער און גוט איז דיין פעטער. (זיי קושען זיך)

מישקע: מאשקע, וואס האסט דו געטהון?

מאשקע: סטייטש, זי איז דאך שיינדעלע חנה'ס!

מישקע: און אז שיינדעלע חנה'ס איז וואס? דארף מען זיך אזוי קושען מיט איין אשה? קארל לעבען, וואס שווייגסט דו, דאס איז דאך שיינדעלע חנה'ס...

קארל: דו ביזט מיין קוזינע?!

מישקע: וואס מיר קארזינע? אנ'אייגענע שוועסטערקינד!

עמיליע: אט דאס איז די שעהנע שיינדעלע, וואס מיין קארל פלעגט זיך מיט איהר שפיעלען קליינערהייד?

מישקע: אוי ס'איז איהם נעבעך נישט בעשערט געווען מיט איהר זיך גרויסערהייד צו שפיעלען.

שארלאטא: אה גאט! בין איך נאך גליקליך ביי מיינעם לעבען מיינע פערוואנדטע צו זעהן... אה גאט! איך דאנקע דיר פיר די גנאדע.

(אויפטריט דיענער)

דיענער: דער ברויטיגאם קאמט. (אב)

מישקע: ווער זאגט ער איז געקומען?

מאשקע: זעץ דיך אנידער, גרעגער, און זיץ רוהיג, דער חתן קומט. —

מישקע: איך וועל איהם געהן מקבל פנים זיין!

מאשקע: מען דארף נישט; זיץ אויף דיין ארט.

(אויפטריט ביסינג)

ביסינג: ווילקאמען, מיינע ליעבע געסט!

מישקע: אוי איין אבטיג האט מיך געטראפען!.. כל־בו'ניק, דו וועסט זעהן איך וועל שוין ווייטער עפים טרעפען.

מאשקע: גרעגער, זיץ אויף דיין ארט זאגט מען דיר, דו וועסט נישט טרעפען.

מישקע: אז איך וועל נישט טרעפען וועט זיין פארפאלען; זאג מיר נאר, וועלוועלע, דו האסט מיך דערקענט?

ביסינג: שיינט מיר מיין גאט־זעליגע פרוי'ס שוועסטער... עס פרעהט מיך זעהר!...

מישקע: זעה נאר עס פרעהט איהם זעהר! וואס שווייגסט דו, כל־בו'ניק? געה צו צו איהם, דאס איז דאך וועלוועלע!

מאשקע: וועלוועלע! און מיך האסט דו דערקענט? איך בין דאך דיין שוואגער מאשקע!

ביסינג: עס פרעהט מיך זעהר...

מאשקע: זאגט מיר נאר, הערר ליעבערמאן, ווער איז דער חתן פון די כלה?

ליעבערמאן: מיסטער ביסינג איז דער חתן פון די כלה.

מאשקע: ניין, איהר ווילט זאגען, אז מיסטער ביסינג איז דער פאטער פון די כלה...

אלע: וואס?!

מאשקע: יא. יא! שרעק דיך נישט אזוי וועלוועלע; דו געדענקסט, ווען דו ביסט אנטלאפען געווארען פון דיין ווייב האסט דו איבערגעלאזט א קליין מיידעלע, און דאס איז זי.

שארלאטא: וואס הער איך?! דו ביזט מיין פאטער?

ביסינג: אה, ניין! רוף מיך נישט מיט דעם נאמען פאטער! זאל די וועלט ניכט וויסען, דאס דו זא איין ענגעל, ביסט די טאכטער פאן איינעם מערדער!..

אלע: מערדער?

ביסינג: יא, איין מערדער, איין באנדיט בין איך! איך אליין, מאדאם

נאַטאַנזאָהן, האַבּען אייער מאַן ערמאָרדעט אונד ער האָט זײַן לעבּען בּײַ מיר אין קאַנטאָר געענדיגט...

עמיליע: וואָס הער איך? דו וואָרסט דער מערדער פאָן מײַנעם מאַן! אָה! בּלוט זאָל זיך גיסען פאָן דײַן הערץ, זאָ ווי פאָן מײַנע אויגען טרעהנען! מײַן לאַנגע זאָלסט דו פיהלען.

בּיסינג: אָה! צערשפּרינגע דו פערפלוכטעס הערץ! ניין, לענגער איזט שאָן ניכט אויסצוהאַלטען! זאָל שוין די וועלט בּעפרײַט ווערדען פון זאָ איין מערדער... אַדיע!

קאַרל: שטעהט, מיסטער בּיסינג! יעדער מענש אין זײַן לעבּען בּעגעהט פעהלער; איך פון מײַנער זײַטע פערצײַהע אייך, מיר איין בּיטע האַבּע איך צו אײַך, שענקט מיר אייער טאָכטער צו ...!...

בּיסינג: האַבּ איך דען דאָס רעכט? מיסטער ליעבּערמאַן, ער האָט איהר ערצויגען אונד ער האָט דאָס רעכט איבּער איהר.

ליעבּערמאַן: ניין, מיסטער בּיסינג! בּיז יעצט וואַר איך פערטרעטער, אַבּער דען זענען מוז געבּען דער ריכטיגער פאַטער. שאַרלאָטאַ, זײַ דאָך אַרטיג געגען דײַנען פאַטער!

שאַרלאַטאַ: אָבּוואָהל פון מײַן קינדהײַט אַן קאַן איך נור דיזען מאַן אַלס פאַטער, דאָך זעהע איך דאָס דאָס שיקזאַל האָט זאָ געפיהרט דאָס מײַן ריכטיגער פאַטער זאָל מיר דען זעגען געבּען... אָה, פאַטער! ליעבּער פאַטער!

מישקע: דאָס קען זיך נאָר טרעפען אין מאַלעריקאַ, אַז אַ טאַטע זאָל חתונה האָבּען מיט זײַן אייגענע טאָכטער!

מאַשקע: גרענער, וואָס רעדסט דו, ער האָט דען חתונה געהאַט? ער האָט דאָך נאָר געוואָלט.

מישקע: אַז אַ טאַטע טאָר אַפילו נישט וועלען אויך נישט.

בּיסינג: אַך מיסטער נאַטאַנזאָהן! איך געבּע איהנען מײַנע טאָכטער ווי אויך מײַן גאַנצעס פערמעגען אונד איך אויף מײַנע אַלטע יאָהרען וויל אַלס דיענער בּײַ איהנען פערבּלײַבּען.

מישקע: נו זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה, מזל טוב! מזל טוב!

(אויפטריט מאַנקאַדזשאו מיט פאַלים-מענער)

מאַנקאַדזשאו: מזל-טוב! מזל-טוב! חתן דומה לכלב! אַזוי ווי איהר קוקט מיך אַן בּין איך דער דום מאַנקאַדזשאו! איהר וועט מיר פערצײַהען וואָס איך בּין געקומען צוגעהמען אייער

חתן, איך בּין געקומען איהם פיהרען צו דער חופה אָט מיט די [illegible] זמרים.

קאַרל: וואָס פערלאַנגט איהר?

בּיסינג: לאָסט מיך מיסטער נאַטאַנזאָהן, דען דאָרט וואָ ער געהערט, געהער איך אויך. וויר זינד בּײדע די זעלבּע פערבּרעכער.

מאַנקאַדזשאו: נאַטאַנזאָהן? דאָס זײַט איהר דער יונגער נאַטאַנזאָהן?! אָה, בּין איך דאָך איין געמײַנער קערל! איך האַבּע דאָך געהאָלפען אייער פאַטער הערויסטראַגען פאָן הערר בּיסינג'ס קאַנטאָר. וואָס, זי גלויבּען ניכט? בּיטע דאָ איסט נאָך דער רעסיט.

קאַרל: מיסטער בּיסינג! איזט דאָס איהרע אונטערשריפט? (צורײַסט)

מאַנקאַדזשאו: וואָס טהוט איהר? דאָס איז דאָך 50,000 דאָלאַר.

קאַרל: שווײַגט! ניעמאַנד האָט דאָס רעכט איבּער מײַן פאַטערס פערמעגען אונד איהר דזשענטעלמענס איהר קאַנט געהן!

מאַנקאַדזשאו: אָה דזשענטעלמענס! איהר קענט געהן.

בּיסינג: אַך מיסטער נאַטאַנזאָהן! דאָס גוטעס וואָס איהר טהוט מיט מיר איזט זאָ ווי גיפט פיר מײַן הערץ.

קאַרל: אויף מײַן שוויגער-פאַטער דאַרף קײַן פלעק פאַלען. אונד איהר מאַנקאַדזשאו, וואַן איהר ווירד אײַך בּעסערן, ווירד איהר בּײַ מיר איינע שטעלע האַבּען, זאָ לאַנג ווי איהר ווירד לעבּען.

מאַנקאַדזשאו: איך דאַנקע זעהר, איך געבּע איהנען מײַן עהרענוואָרט דאָס איך ווערדע מיך שאָן בּעסערן, נור איינע בּיטטע... האַבּע איך צו אײַך. פאָן דער צײַט אָן וואָס איהר פאַטער איזט געשטאָרבּען קאַן איך ניכט שלאַפען, וואַן איך וויל נור איין בּיסכען אויסרוהען דאַ קאָמט איהר געשטאָרבּענער פאַטער אונד דריקט מיך בּײַם האַלז. ווי עס ווײַזט אויס האָט ער זיך פערליעבּט אין מײַן גאָרגעל, האַבּע איך איך געוואָלט בּעטען, אַז איהר זאָלט אַרויפגעהן אויף דעם היזיגען בּית-עולם און איהר זאָלט פערנאַשען אַ פּאָר דוצענד יתגדל'ס, אַז אייער פאַטער זאָל זיך אָבּטשעפּען פון מיר.

קאַרל: דאָס פלאַגען איך אײַערע געוויסען, וואָס איהר האָט אונשולדיג בּלוט פערגאָסען.

מישקע: הער, וועלוועל, דו מוסט דאָך זײַן רײַך ווי מתושלח. וואָס טויג דיר מאַלעריקאַ, דאָ אין מאַלעריקאַ איז דיר נעבעך אויסגעקראָכען די גאַנצע באָרד, לאָמיר שוין מאַכען אײן עק, לאָמיר שוין אַמאָל פאָהרען אין קעשעניאָוו!

אלע. יאַ, יאַ, אין קעשעניאָוו, אין קעשעניאָוו.

(פאָרהאַנג)

[illegible]

די ערשטע אוניווערסאַלע בוכהאַנדלונג אין ווארשא.

אונטער דער פירמא **„קולטור"** דזיקאַ 13.

!! זעהר וויכטיג פיר בוכהענדלער און ביבליאָטעקען !!

האָבענדיג די לאַנג־יאָהריגע פּראַקטיקע אַלס פאַק־לײַטע אין דער ביכער בראַנזשע האָבען מיר אײַנגעזעהען די פיעל שוועריגקײַט און אומזיסטע קאָסטען וואָס דער פּראָווינציעלער קויפער פלעגט שטענדיג האָבען בײַם פערשאַפען זיך ביכער פון פערשידענע פערפאַסער און פערלעגער, ווײַל די ביז־יעצט־עקזיסטירענדע בוכהאַנדלונגען זײַענדיג פעראינטערעסירט צו פערשפרײַטען בלויז זײערע אייגענע אויסגאַבען, האָבען זיך ניט געקענט אָבגעבען אום צופריעדענצושטעלען די פאָדערונגען פון די קונדען.

די בוכהאַנדלונג „קולטור" האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע, די אַלע שוויריגקײַטען צו בעזײַטיגען און שאַפען פאַר דעם פּראָווינציעלען קויפער די בעקוועמליכקײַט אַז ער זאָל בעקומען אַלץ וואָס ער דאַרף דורך אײן אָרט וואָס דאַדורך שפּאָרט ער זיך אײַן צײַט, מיה און קאָסטען.

אום צו פערווירקליכען די אויפגאַבע האָט זיך די בוכהאַנדלונג „קולטור" געשאַפט דעם גרעסטען פערקעהר מיט אַלע פערלעגער און בוכהענדלער אין דער וועלט אַזוי, אַז ווענדענדיג זיך דירעקט צו דער בוכהאַנדלונג „קולטור", קאָן דער קויפער לײַכט און שנעל בעקומען אַלץ, וואָס איהם איז נויטיג.

אין דער בוכהאַנדלונג „קולטור" איז שטענדיג צובעקומען דעם גרעסטען אויסוואַהל פון אַלערלײַ ביכער אין אידיש, העבּרעאיש, רוסיש, פּאָלניש און אַנדערע שפּראַכען;

דעם גרעסטען אויסוואַהל פון פערשידענע לעהרע־ביכער און מעטאָדען אין אַלע שפּראַכען אויך אַלערלײַ ספרי רומ"ל, סדורים, מחזורים חומשים א. א. וו.

אין בוכהאַנדלונג „קולטור" געפינט זיך שטענדיג אַ גרויסער אויסוואַהל פון אַלערלײַ בילדער, פּאָסט־ און אַנזיכטס־ קאַרטען, וואונש־קאַרטען, אַלבאָמען, מאַפּעס, נאָטען (אידישע און אַלגעמײַנע) און אַלץ וואָס געהערט צו בוכהאַנדעל.

שיקט אײַערע בעשטעלונגען נור אין בוכהאַנדלונג „קולטור", וואו איהר ווערט אָרענטליך און פּינקטליך בעהאַנדעלט מיט דער גרעסטער שנעלקײַט.

מיט דעם פערשפּאָרט איהר צײַט, מיה און אומזיסטע קאָסטען !!

אַדרעס פון „קולטור":

Книжн. маг. „Культура", .Варшава, Дикая 13.